


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### רעדן לשון הרע אויף בעלי מחלוקת

***וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן*** (טז, ג). עס שטייט אין ירושלמי (פאה פרק א' הלכה א') *'מותר לומר לשון הרע על בעלי מחלוקת'*. מען מעג רעדן לשון הרע אויף בעלי מחלוקת.

**מען** קען ערקלערן פשט פארוואס עס מותר צו רעדן לשון הרע אויף בעלי מחלוקת, וויבאלד דער טעם פארוואס מען טאר נישט רעדן לשון הרע אויף אנדערע איז וויבאלד עס ברענגט אריין א שנאה און מחלוקת צווישן אידן וואס האבן זיך ליב איינע די אנדערע (עיין ערכין טז:).

**אבער** וויבאלד דער מענטש איז א בעל מחלוקת און האט פיינט שלום, איז נישט פאסיג אז ער אליינס זאל לעבן מיט שלום און פרידן, אזוי ווי עס שטייט אין נביא (ישעיהו מח, כב) ***אֵין שָׁלוֹם אָמַר ה' לָרְשָׁעִים***. דעריבער מעג מען רעדן אויף אים לשון הרע כדי מענטשן זאלן אים פיינט האבן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה ח:) *'במדה שאדם מודד מודדין לו'*, מיט די מדה וואס א מענטש פירט זיך, מיט די זעלבע מדה פירט מען זיך צו אים. (אות ט' ד"ה וי"ל)

### גרויסקייט באלאנגט צו דער וואס האלט זיך קליין

***וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר בּוֹ יַקְרִיב אֵלָיו*** (טז, ה). מען דארף פארשטיין פשט פארוואס האט משה רבינו געוואלט אויסווארטן ביז אינדערפרי, וואס וועט דעמאלטס אויסגעקלארט ווערן? (ועיין ברש"י).

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (במד"ר יח, ב. הובא ברש"י ריש פרשתן), די עיקר סיבה פארוואס קרח האט זיך געקריגט מיט משה רבינו איז וויבאלד ער האט מקנא געווען די נשיאות פון 'אליצפן בן עזיאל' וואס ער איז געווען קלענער פון אים, און ער האט באקומען די נשיאות אויף בני קהת (קרח איז געווען א זון פון 'יצהר' וואס איז דער צווייטער זון פון עמרם, דאקעגן אליצפן איז געווען א זון פון 'עזיאל' וואס איז דער פערטער זון פון עמרם).

**דעריבער** האט אים משה רבינו געענטפערט, לויט דיין טענה אז גרויסקייט דארף גיין צו ווער עס איז גרעסער, אויב אזוי וואלטן די שטערנ'ס געדארפט ארויסקומען צוזאמען מיט די זון, און נישט מיט די לבנה וואס איז קלענער.

**אויב** אזוי - זאגט משה רבינו - לאמיר צו-ווארטן ביז מארגן, אויב וועסטו קענען מאכן אז די שטערנ'ס זאלן בלייבן צוזאמען מיט די זון, דאן ביסטו גערעכט אז גרויסקייט באלאנגט צו דער וואס איז גרעסער, און וועסט אויך קענען מבטל זיין די נשיאות פון אליצפן בן עזיאל.

**אבער** אויב די שטערנ'ס וועלן נישט בלייבן אינדערפרי מיט די זון, איז דאס א ראי' אז גרויסקייט באלאנגט צו דער וואס האלט זיך קליין, דאקעגן דו - קרח - וואס לויפט נאך גרויסקייט, קומט זיך דיר נישט די נשיאות. (אות ד' ד"ה ועיקר)

### זון און לבנה נעמען זיך אן פאר משה רבינו

***בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ*** (טז, ה). עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין קי.) בשעת די מחלוקת פון קרח אנטקעגן משה רבינו זענען די זון און לבנה געקומען פארן אויבערשטער און געזאגט, אויב וועט זיך דער אויבערשטער אננעמען פאר משה רבינו און באשטראפן קרח ועדתו וועלן זיי ארויסקומען שיינען אויף די וועלט, אבער אויב נישט וועלן זיי מער נישט ארויס קומען צו באלייכטן די וועלט.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס פונקט די זון און לבנה האבן זיך אנגענומען פאר משה רבינו, און געפאדערט אז דער אויבערשטער זאל באשטראפן קרח ועדתו?

**מען** קען ערקלערן, וויבאלד די טענה פון קרח איז געווען אז עס קומט זיך אים די נשיאות, ווייל ער איז גרעסער פון אליצפן בן עזיאל (אזוי ווי אויבן ערקלערט), אויב אזוי' קומט אויס אז די זון דארף ארויסקומען מיט די שטערנ'ס, ווייל עס איז גרעסער ווי די לבנה.

**אזוי'** אויך איז געווען די צוויי הונדערט און פופציג ראשי סנהדראות וואס האבן פארלאנגט צו ווערן כהן גדול (במדבר טז, ו וברש"י שם), וואס דאס באדייט אז זיי האבן געהאלטן אז אלע קענען זיין די זעלבע גרויס, וואס דאס איז פונקט פארקערט וואס איז געווען ביי די זון און לבנה, וואס אנפאנג זענען זיי ביידע געווען די זעלבע גרויס, אבער די לבנה האט געדארפט ווערן קלענער, ווייל *'אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד'* (חולין ס:).

**און** ווילאנג קרח טענה'ט זיין טענה, איז געווען א בושה פאר די זון און לבנה ארויס צוקומען אויף די וועלט, די זון וויבאלד עס האט נישט קיין שטערנ'ס, און די לבנה וויבאלד עס איז קלענער געווארן. דעריבער האבן זיי זיך אנגענומען פאר משה רבינו, און געפאדערט מען זאל באשטראפן קרח ועדתו. (אות ד' ד"ה וזהו)

הגיע! אנגעקומען!

חדש! ספר זרע שמשון יום יום באידיש
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים ורואים ישועות אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו אצל גדולי הדור שליט"א בשעת לימודם בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
https://www.zerashimshon.co.il/donation/

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

**לעילוי נשמת**

האשה החשובה מרת
רבקה בתיה פרענקל בת מוה"ר אביגדור ע"ה
נפטרה ביום ב' תמוז תשע"ח

הוקדש על ידי
חתנה ובתה הרבני
מוה"ר זלמן לייב וזוגתו
עטיל ברכה ווייס הי"ו
להצלחה גדולה בכל העניינים

•

רבי עקיבא ב"ר אליהו הכהן ז"ל
נלב"ע כ"ט סיון תשנ"ח

•

רבי דוד בן גרסיה ז"ל
נלב"ע כ"ג כסלו

•

רבי יהושע בן מרים ז"ל
נלב"ע ה' סיון תשפ"א

•

התינוק אליהו בן ראובן ז"ל
נלב"ע ג' אייר תשפ"ו

•

מירב אדל בת שר שלום
נלב"ע ז' סיון תשפ"ו

•

האשה הצדקנית
דורה בת אסתר ע"ה
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

•

עובד ה' ומזכה הרבים
רבי בנימין בן חביבה יוספה שרה שרוגו זצ"ל
נלב"ע י"ג טבת תשפ"ו

•

ת.נ.צ.ב.ה.

**ברכות וישועות**

ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל עסקיו בקרוב

•

חיים דוד בן עטיא וזוגתו צביה רחל בת רבקה
שיזכו להצלחה וברכה בלא גבול ומדה פרנסה בשפע מתוך הרחבת הדעת וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

•

מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

•

אשר אנשיל דוד הלוי בן נילי
לעושר ואושר ויפתחו בפניו כל השערים



פנינים נפלאים מתוך הספר תולדות שמשון בעריכה קלילה שווה לכל נפש

## פרק ד משנה א

**בֶּן זוֹמָא אוֹמֵר, אֵיזֶהוּ חָכָם, הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם, שֶׁנֶּאֱמַר** (תהלים קיט) **'מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי כִּי עֵדְוֺתֶיךָ שִׂיחָה לִּי'.**

### זיך לערנען פון יעדעם איינעם

דער תנא בן זומא זאגט אז א חכם איז דער וואס לערנט זיך פון יעדן מענטש, און ברענגט דעם פסוק 'מכל מלמדי השכלתי', אז דוד המלך זאגט ער איז קלוג געווארן פון אלע וואס האבן אים אויסגעלערנט תורה.

אויב אזוי דארף מען פארשטיין, פארוואס זאגט בן זומא אז מען דארף זיך לערנען פון יעדן מענטש, פונעם פסוק איז נאר משמע אז מען דארף זיך לערנען פון די רבי'ס וואס האבן אים אויסגעלערנט עפעס תורה.

מען קען ערקלערן אז יעדע איד האט זיין פערזענליכע חלק אין די תורה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט (זוהר חדש צא.) אז עס איז פאראן 600,000 אותיות אין די תורה אנטקעגן יעדן איינציגסטע איד אין כלל ישראל.

לויט דעם קען מען פארשטיין פארוואס מען דארף זיך אויסלערנען פון יעדעם איינעם, ווייל יעדער איינער האט זיך זיין חלק אין תורה וואס א צווייטער פארמאגט נישט, און כדי עס צו קענען דארף מען זיך לערנען פון יעדעם איינעם.

## פרק ד משנה יג

**רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד וְהָעוֹבֵר עֲבֵרָה אַחַת קוֹנֶה לוֹ קַטֵּגוֹר אֶחָד.**

### דער חילוק פון 'העושה מצוה' און 'העובר עבירה'

מען דארף פארשטיין די לשון פונעם תנא, פארוואס ביי א מצוה זאגט דער תנא 'העושה מצוה', און ביי א עבירה זאגט ער 'העובר עבירה', און נוצט נישט די זעלבע לשון ביי ביידע (אדער 'העושה מצוה' און דאס זעלבע 'העושה עבירה', אדער 'המקיים מצוה' און 'העובר עבירה').

מען קען ענטפערן אז א מענטש קען מקיים זיין אסאך מצות אבער ער וועט זיך נישט איינקויפן דערמיט א 'פרקליט' (א מלאך וואס זאל אים זיין א מליץ יושר), צום ביישפיל מצות וואס זענען נישט נוגע היינטיגע צייטן, אזוי ווי 'פיגול' אדער 'נותר' וכדו', און יעדע מצות 'לא תעשה' וואס איז אים נישט אויסגעקומען א געלעגנהייט זיך צו איינהאלטן דערפון. וואס ער האט עס טאקע מקיים געווען (ווייל ער האט נישט עובר געווען אויף דעם), אבער ער באקומט נישט קיין שכר אויף דעם.

דעריבער זאגט דער תנא דוקא די לשון 'העושה מצוה', אז נאר דורכדעם וואס מען איז בפועל מקיים א מצוה, דעמאלטס איז זיך קונה א פרקליט וואס איז מליץ יושר אויף אים, (דאקעגן די לשון 'המקיים' קען אויך מיינען יעדע מצוה וואס ער האט מקיים געווען דורכדעם וואס ער האט נישט עובר געווען אויף דעם, אפילו עס איז אים נישט אונטערגעקומען עס צו טון).

און ווען עס קומט צו אן עבירה זאגט דער תנא 'העובר עבירה', ווייל עס איז דוקא ווען א מענטש טוט אן עבירה צו זינדיגן, צו 'עובר' זיין דעם רצון ה', און קומט אויסצושליסן ווען א מענטש טוט אן עבירה לשמה, (אזוי ווי עס געברענגט אין גמרא נזיר כג: עיי"ש) וואס דעמאלטס קויפט ער זיך נישט איין א קטיגור וואס זאגט שלעכט'ס אויף אים.

### א מצוה נעמט אראפ א קללה פונעם מענטש

מען קען ערקלערן פארוואס דער תנא זאגט די לשון 'פרקליט' און נישט 'סניגור', ווייל די לשון 'פרקליט' איז מרמז אויף 'פרוק ליט' (פרוק טייטשט אראפנעמען, און ליט איז א קללה אויף אראמיש), צו מרמז זיין אז ווען א מענטש טוט א מצוה, נעמט ער אראפ פון זיך א קללה, אז אפילו אויב ער האט ח"ו עובר געווען עבירות וואס ברענגט א קללה אויפן מענטש, ווערט אים דער זכות פונעם מצוה אפהיטן און אראפנעמען פון אים די קללה, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה כא.) אז א מצוה באשיצט א מענטש אפילו בשעת ווען ער איז נישט עוסק מיט די מצוה.

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**